**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 2023 פרייע פישעריי טעג אין פרישע וואסערן אין ניו יארק**

***פישערכאפער האבן געלעגנהייט צו כאפן פיש אין פרישע וואסערן אן א לייסענס פון פעברואר 18 ביז 19***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די טעג פון 2023 פאר פרייע פישעריי טעג אין פרישע וואסערן אין ניו יארק. די פאדערונג פאר א פרישע-וואסער פישעריי לייסענס איז נישט אין קראפט דורכאויס די פאלגנדע זעקס טעג דעם יאר: פעברואר 18 ביז 19; יוני 24 ביז 25; נאציאנאלע יאגד און פישעריי טאג אום סעפטעמבער 23; און נאוועמבער 11.

"פרייע פישעריי טעג גיבן א געלעגנהייט פאר אוועקגעשטעלטע פישכאפער צו קענען מיטטיילן זייער אייפער פאר פישעריי מיט אזעלכע וועלכע זענען נאך מעגליך נייער צו די ספארט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אויסשפרייטן די טעג דורכאויס די יאר גיבט א טשאנס פאר פישכאפער אין יעדן עלטער, פעהיגקייט און ערפארונג שטאפל צו קענען כאפן פיש אין אלע סעזאנען און צו אנטדעקן די ברייטע פישעריי געלעגנהייטן אין ניו יארק — בענעפיטירנדיג אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס אויפן וועג."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "אין לויף פון די יארן האט די DEC צוריקגעהערט פון מענטשן וועלכע האבן זיך קביעות'דיג ארייגעלייגט אין די ספארט נאכן זיך באטייליגן ביי איינס פון ניו יארק'ס פרייע פישעריי טעג אין פרישע וואסער, און דאס איז עפעס וואס מיר האבן ליב צו הערן. כאפן פיש אין ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע וואסערן איז מער פון בלויז א געלעגנהייט צו געניסן פון די געוואלדיגע דרויסן א גאנץ יאר — נאר עס איז אויך די בעסטע טשאנס צו קענען פארברענגען צייט און פארשטערקערן די קשר מיט פאמיליע און פריינט."

די DEC שטעלט צו עטליכע מיטלען פאר מענטשן וועלכע זענען אינטערעסירט זיך צו לערנען וויאזוי צו כאפן פיש, אריינרעכענענדיג די [I FISH NY Beginners' Guide to Freshwater Fishing ('איך כאפ פיש - ניו יארק: אנווייזונגען פאר אומערפארענע מענטשן צו כאפן פיש אין פרישע וואסערן)], א ביכל וואס גיבט אינפארמאציע איבער אלעס, אנגעהויבן פון אנציהען די שטריק און ביזן אידענטיפיצירן געכאפטע פיש און פארשטיין פישעריי רעגולאציעס און בייהילפיגע עצות פאר די וועלכע זענען אינטערעסירט אין כאפן פיש אויף אייז. עס איז אויך דא א סעריע פון ווידעאוס וועלכע באגלייטן די אנווייזונגען ביכל, און זיי געפונען זיך אויף די DEC'ס [YouTube טשענעל]. די DEC'ס [Places to Fish (פלעצער צו כאפן פיש) וועבזייטלעך] זענען א פארלעסליכע מקור פון אינפארמאציע ביים פלאנירן א פישעריי אויספלוג. די DEC האט לעצטנס ארויסגעגעבן א נייע פיטשעוועקע אויף די DEC'ס אפיציעלע עפ, [HuntFishNY], וואס זיי האבן גערופן 'The Tackle Box' (די פישעריי געצייג קעסטל). פישעריי רעגולאציעס, שיפן צוטריט און סטאק אינפארמאציע געפונען זיך יעצט אלע אויף א פראגראם וואס איז באזירט אויף א מאפע פון די באקוועמליכקייט פון א סמארטפאון.

קעלטערע וועטער ברענגט גוטע געלעגנהייטן צו כאפן פיש אויף אייז, מיט פאפולערע מינים פיש וועלכע קענען געציהלט ווערן דורך די אייז אין ניו יארק אריינרעכענענדיג געלע פערטש; נארטערן פייק; וואָלאיי; לעיק טראַוט; בראַון טראַוט; אטלאנטישע סאלמאן; און שווארצע קרעפי. מענטשן וועלכע זענען אינטערעסירט אין כאפן פיש אויף אייז זאלן אונטערזוכן די דיקקייט פון די אייז בעפארן ארויפגיין אויף עס אוועק פון די ברעג. פיר אינטשעס פון הארטע דורכזיכטיגע אייז איז געווענטליך זיכער פאר פישכאפער וועלכע גייען ארויף אויף די אייז מיט די פיס. די דיקקייט קען זיך אבער טוישן צווישן וואסערן און אפילו אין די זעלבע וואסער, פארגרעסערנדיג די וויכטיגקייט צו פארזיכערן אז עס איז גענוג דיק. פישכאפער זאלן זיין באזונדערס פארזיכטיג פון פלעצער וואו די וואסער רוקט זיך און ארום שיפלעך פארטן און הייזער וואו באָבלערס קענען זיין אינסטאלירט צו פארמינערן די וואסער וואס ווערט אייז. מען קען גרינגערהייט אונטערזוכן די אייז מיט אן 'אויגער' דריל אדער 'ספאָד באר' ביי אנדערע פלעצער. אין צוגאב, ווערן מענטשן אויך געמוטיגט צו גיין כאפן פיש צוזאמען מיט א פאמיליע מיטגליד אדער פריינד פאר זיכערהייט. לאקאלע געשעפטן פון פישערײ עקוויפמענט און ווארעמעס צו צוציהען די פיש זענען א גוטע מקור צו אויסגעפונען וואו עס איז דא זיכערע אייז און וואס די פישכאפער זענען מצליח צו כאפן. פאר מער אינפארמאציע איבערן כאפן פיש אויף אייז, אריינרעכענענדיג איבער פראמינענטע מינים פיש וועלכע געפונען זיך אין גרויסע צאלן דורכאויס די ווינטער חודשים און עצות איבער זיכערהייט פון אייז, באזוכט די DEC'ס [אייז פישערײ וועבזייטל](#).

אין צוגאב צו די פרייע פישערײ טעג זענען אויך דא "לערן צו כאפן פיש" געלעגנהייטן דורך DEC-באשטעטיגטע פרייע פישערײ קליניקס. פאר א ליסטע פון געשעענישן וואס זענען שוין יעצט באשטימט געווארן, באזוכט די [DEC וועבזייטל](#). די וועבזייטל וועט אפדעיטעד ווערן אזוי ווי מער געשעענישן וועלן צוגעלייגט ווערן דורכאויס די יאר.

די פרייע פישערײ טעג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין 1991 צו גיבן א געלעגנהייט פאר מענטשן וועלכע וואלטן אנדערש מן הסתם נישט געגאנגען כאפן פיש צו אויספרובירן די הנאה'דיגע ספארט אומזיסטערהייט כדי צו באקענען מענטשן מיט א נייע סארט פארוויילונג און צו מוטיגן מענטשן צו שטיצן די ספארט דורכן קויפן א ניו יארק סטעיט פישערײ לייסענס.

פרייע פישערײ טעג אנטיילנעמער ווערן דערמאנט אז כאטש די פאדערונג פאר א פרישע-וואסער פישערײ לייסענס איז נישט אין קראפט דורכאויס פרייע פישערײ טעג, בלייבן אלע אנדערע פישערײ רעגולאציעס אין קראפט. מיט די אויסנאם פון פרייע פישערײ טעג, מוזן פישכאפער פון 16 יאר און עלטער האבן א גילטיגע פישערײ לייסענס. פאר מער אינפארמאציע איבערן קויפן א לייסענס, באזוכט די [DEC וועבזייטל](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418